LIT 5507 / Roskies

# הקדמת מנדלי מוכר־ספֿרים
## בשעת זײַן אַרויספֿאָר אין דער וועלט
## מיט אייגענע צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקטע מעשׂיות*

1 'מה שְמֶכֶם?' — דאָס איז די ערשטע שאלה, וואָס אַ ייִד פֿרעגט דעם אַנדערן גאָר אַ ווילד פֿרעמדן, באַלד ווי[1] ער באַגעגנט זיך מיט אים און שטעקט אים אָפּ אַ 'שלום־עליכם'! קיינעם קומט בשעת־מעשׂה אויף דעם געדאַנק[2] גאָר ניט אַרויף, אַז מען זאָל זיך אַקעגן[3] דעם אָנרופֿן, אַ שטייגער: 'וואָס איז אײַך, רב קרובֿ, אַזוי דאָ געלעגן צו וויסן, ווי איך הייס? מיר ווילן דען איינער מיט דעם אַנדערן זיך משדך זײַן? איך הייס, ווי מען האָט מיר אַ נאָמען געגעבן, און לאָזט מיך געמאַך!' ניין, אַדרבא, די שאלה 'מַה שְמֶכֶם?' איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך, עס ליגט אַזוי אין דער טבֿע, אַקוראַט ווי אַ טאָפּ צו טאָן יענעמס נײַע קאַפּאָטע מיט אַ פֿרעג: מה־יקר? וואָס קאָסט אַן אַרשין? ווי צו נעמען אומגעבעטן אַ פּאַפּיראָס בשעת יענער עפֿנט זײַן טאַבאַק־פּושקעלע אויף[4]; ווי

* דער טעקסט פֿון 'הקדמת מענדעלע מוכר־ספֿרים' איז דאָ איבערגעדרוקט — אין אַ נײַעם אויסלייג — לויטן ערשטן בוך פֿון 'אַלע כּתבֿים פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים', יובֿילײ־אויסגאַבע, אָדעס, תרס"ז—1907, I—IV, און לויט מענדעלעס אייגענעם כּתבֿ־יָד, וואָס געפֿינט זיך, צוזאַמען מיט אַ בריוו פֿון אויגוסט 1906 צו י"ח ראַווניצקין, אין ראַווניצקי־אַרכיוו בײַ דער נאַציאָנאַלער און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין ירושלים. דער סימן: 1185 4, טעקע נ' 189. זע: חליפת איגרות בין ש"י אברמוביץ ובין ח"נ ביאליק וי"ח רבניצקי, בשנים 1905—1908, מהדורת חנא שמערוק, ירושלים, תשל"ו, ז' 60, באמ' 1, 2. דער ערשטער נוסח פֿון 'הקדמת מענדעלע' איז פֿאַקטיש דאָס ערשטע קאַפּיטל פֿון דעם צווייטן, 'גאָר אין גאַנצן אויף דאָס נײַ איבערגעמאַכטן' נוסח פֿון 'דאָס קליינע מענטשעלע', ווילנע, 1879. דער מחבר האָט, ווי זײַן שטייגער איז געווען, אַרײַנגעבראַכט אַ גאַנצע רײ שינויים און תּיקונים. די פֿראַגמענטן, וואָס געפֿינען זיך ניט אינעם ערשטן נוסח (1879), שטעל איך אין קלאַמערן. די טעקסטועלע און לעקסיקאַלישע ענדערונגען וועלן באַצייכנט ווערן אין הערות כּסדר, וועלכע וועלן דינען צו פֿאַרשרײַבן גענוי דעם ערשטן נוסח. [שלום לוריא]

1 ווי באַלד.

2 קיינעם גייט בשעת־מעשׂה גאָר אויף דער מחשבֿה נישט אַרויף.

3 אַז מען זאָל זיך קענען אָנרופֿן.

4 ווי צו בעטן אַ פּאַפּיראָס בשעת יענער עפֿנט אויף זײַן טײַסטערל מיט טיטון.


1.

יום ה' ג טישרי תרכ"ג — הוספה להמליץ שנה שלישית — 22/23 אקטאבער 1862

# קול מבשר

№ 1.

דאס קליינע מענשעלע.

אין לעבענסבעשרייבונג פין יצחק אברהם תקיף.

(פארטזעצונג פאלגט.)

1864, עמ' 684–686

דאס קליינע מענשעלע.

(פארטזעצונג)

אַרײַנצושטעקן די פֿינגער אין יענעמס טאַבאַקערקעלע און נעמען אַ שמעק טאַבאַקע; ווי אַרײַנצוקריכן מיט אַ פֿוס צו יענעם אין ביטל[5], אײַנטונקען דאָרט דאָס פֿאַר־שמאָלצעוועטע פֿאַטשײלכן און רײַבן דערמיט דאָס לײַב; [ווי אַרײַנצוקוקן הינטער־אַרום צו יענעם אין מחזור און כאַפּן זיך, פֿון דרך־ארץ וועגן, איבערמישן אַ בלעטל בשעת יענער האָט נאָך נישט רעכט צעקײַט דאָרט די ווערטער פֿון דער תּפֿילה,] ווי לאָזן זיך צוגײן[6] ווו צוויי מענטשן שמועסן צווישן זיך, צולייגן אָן אויער אונטער־צוהערן זיך צו זייער שמועס; אָדער ווי אַ פֿרעג צו טאָן איינעם פֿלוצלים פֿון דער העלער הויט מכּוח זײַנע געשעפֿטן, אָנוואַרפֿן זיך אויף אים מיט עצות, הגם יענער גענייטיקט זיך אין זיי כּלל נישט[7], און קען אָן זיי, [ווי אויך אָן אים,] זיך [זייער גוט] באַגיין. אַזעלכע און בדומה[8] נאָך אַזעלכע זאַכן זײַנען [בײַ אונדז, ייִדן,] גאַנץ געוויינטלעך. אַזוי איז דער סדר־העולם פֿון אייביקע צײַטן און אָנצורופֿן זיך אַקעגן דעם וואָלט אויסגעקומען גאָר טאַקע[9] ריין משוגע, **עפּעס משונה ווילד, גאָר שלא כּדרך הטבֿע**... און נישט נאָר אויף דער וועלט, אויך דאָרט אַפֿילו אויף יענער וועלט איז דעם מלאך־הדומהס ערשטע שאלה: 'מה שמכם, רב קרובֿ?' דער מלאך, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט יעקבֿ אָבֿינו, ער אַפֿילו האָט נישט משנה געווען פֿונעם סדר־העולם און אים באַלד טאַקע [,ווי עס פֿירט זיך,] אַ פֿרעג געטאָן, ווי ער הייסט. אַז אַ מלאך איז אַזוי, הײַנט אַ פּשיטא שוין אַ [זינדיקער] מענטש, אַ בשׂר־ודם. איך ווייס זייער גוט, אַז בײַ מײַן ערשטן אַרויספֿאָר אין דער ייִדישער ליטעראַטור, [ווי הייסט מען עס,] מיט מײַנע מעשׂיות, וועט געוויס דעם עולמס ערשטע שאלה זײַן; 'מה שמכם, פֿעטער?'

2 מענדעלע הייס איך! אַזוי, רבותי, האָט מען מיר אַ נאָמען געגעבן, נאָך מײַנעם אַן עלטער־זיידן פֿון דער מאַמעס צד, רב מענדעלע מאָסקווער, זכורנו לבֿרכה. מאָסקווער האָט ער אין זײַנע צײַטן געהייסן דעריבער, ווײַל מען האָט געשמועסט, איז ער אַ מאָל געווען אַזש אין מאָסקווע, אײַנצוהאַנדלען דאָרט רוסישע סחורה [און האָט בשלום גיך־געשווינד זיך אַרויסגערוקט, שאַ־קיטש, אידער מען האָט זיך אַרומגעקוקט אַרויסצוזאָגן אים פֿון דאָרט. מילא, דאָס בין איך ניט אויסן. נאַרישקייטן!... אָבער אין מאָסקווע, בײַם פֿאָניע, איז ער, הייסט עס, טאַקע געווען.] דאָס האָט אים פֿאַרשאַפֿט

5 ווי אַרײַנצוקריכן מיט אַ פֿוס אין יענעמס ביטל (ביטל מיינט אַ וואַנע).
6 ווי צוצוגיין ווו צוויי מענטשן שמועסן צווישן זיך.
7 כאָטש יענער האָט גאָר אין זיי כּלל זיך נישט גענייטיקט.
8 וכדומה.
9 וואָלט אויסגעקומען עפּעס טאַקע ריין משוגע.



אין זײַן ווינקל אַ נאָמען און כּבֿוד. אַלע האָבן אים געהאַלטן פֿאַר אַ געניטן, וועלטלעכן מענטשן, [וואָס איז אויסגעווען אַ וועלט,] און בשעת עפּעס אַ נויט, אָדער בײַם אָנשרײַבן אַ 'פּראָשעניע', פֿלעגט מען זיך מיט אים מיישבֿ זײַן[10]... נאָר נישט דאָס בין איך אויסן.

3 דערמיט [אַלײַן אָבער] איז מען נאָך נישט יוצא. נאָך דער דאָזיקער ערשטער שאלה הייבן בײַ ייִדן זיך ערשט אָן צו שיטן אַלערליי [מיני] שאלות, ווי אַ שטייגער: פֿון וואַנען איז עס אַ ייִד? זײַט איר אַ באַווײַבטער? האָט [אַ ייִד] קינדער? מיט וואָס האַנדלט עפּעס [אַ ייִד]? ווּהין, האַ, פֿאָרט עס [אַ ייִד][11]? נאָך און נאָך[12] אַזעלכע מיני שאלות, וואָס אַזוי איז שוין אָנגענומען געוואָרן בכל־תּפֿוצות־ישׂראל זיי צו פֿרעגן, אויב מען וויל אַ פּנים האָבן פֿאַר לײַט, [דערמיט ווײַזן,] אַז מען איז [,ברוך־השם,] אַ מענטש, אַן אויסגעריבענער[13], נישט קיין באַנק קוועטשער, און וואָס מען מח על־פּי מענטשלעכקייט דערויף ענטפֿערן, אַזוי ווי אַ 'גוט־יאָר!' אויף איינעמס 'אַ גוט־שבת!', אָדער 'גוט־יום־טובֿ!' איך וויל מיט אַ וועלט נישט אײַנרײַסן און בין בערײַט אויף די דאָזיקע אַלע שאלות אויך צו ענטפֿערן קורץ און גיך, ווי נאָר מעגלעך.

4 אַלײַן בין איך אַ געבוירטיקער פֿון **צבֿועטשיץ**, אַ היפּש[14] שטעטל, [אָן עין־הרע,] אין טעטעריוקער גובערניע, [באַרימט מיט איר גוטסקייט און **פֿרומקייט**, ווי **גלופּסק**, אַ שטייגער, מיט איר חכמה, **קאַבצאַנסק** מיט אירע **עשירות** און **טונעיאַדעווקע** מיט אירע **פֿאַבריקעס** — שיינע מקומות מיט מעלות אַזעלכע, ברוך־השם, וואָס האָבן **געווירקט און ווירקן אויף דעם ייִדישן צושטאַנד** אין אונדזער ווינקל דאָ אין גלות...][15] נישט דאָס בין איך אויסן.

5 אין מײַן פּאַספּאָרט [שטייען אַפֿילו בפּירוש מײַנע יאָרן,][16] נאָר אין אמת[17] וויפֿל איך בין אַלט, קען איך [,ווי געוויינטלעך אַ ייִד,] באַשטימט אײַך ניט זאָגן. מײַנע

10 און מען פֿלעגט בשעת עפּעס אַ נויט און בײַ אַ פּראָשעניע־אָנשרײַבן מיט אים פֿריִער זיך מיישבֿ זײַן.
11 האָט איר קינדער? מיט וואָס איז אײַער האַנדל? און ווּהין פֿאָרט איר?
12 וכדומה נאָך און נאָך אַזעלכע מיני שאלות.
13 אַן אויסגעריבענער מענטש.
14 אַ קליין שטעטל.
15 באַרימט מיט אירע גוטע בהמות און נאָך מער מיט דעם צבֿיעטשער, להבֿדיל, וואָס מיט אים קלינגט די וועלט.
16 אין מײַן פּאַספּאָרט שטיי איך אַלט 52 יאָר.
17 נאָר באַשטימט וויפֿל איך בין אַלט קען איך אײַך נישט זאָגן.

[עלטערן][18], עליהם השלום, זײַנען שטאַרק מחולק געווען אין דער רעכענונג פֿון מײַנע יאָרן. נאָך זיי בײדע בין איך געבוירן געוואָרן צום ערשטן ליכטל בשעת דער גרויסער שׂרפֿה פֿון די קלייטן [, נישט הײַנט געדאַכט]. נאָר נאָכן טאַטנס חשבון איז דאָס געווען בשעת די גרויסע קרירות זײַנען פֿאַרשלעפּט געוואָרן אין אונדזער ווינקל, פּונקט אין דער צײַט, ווען דער אַלטער, זכרונו לבֿרכה, איז נסתלק געוואָרן. און די מאַמע פֿלעגט אויסווײַזן, אַז דאָס איז גאָר געווען מיט אַ יאָר צוויי נאָך דער ערשטער בהלה, נישט פֿאַר ייִדישע קינדער געדאַכט[19]. אַ סימן אַפֿילו, דענסטמאָל האָט זיך בײַ אונדז געקעלבט די רויטע קו, און זאת־חנוכּה האָט זי פֿאַר אַ האַלב שטעטל געמאַכט מילכיקע וואַרעניקעס, פֿון וועלכע מען האָט געלעקט די פֿינגער[20] און ליגן בײַ אַ טייל אַלטע ייִדן ביז הײַנט נאָך אין טעם. [מען באַדאַרף האָבן צײַט און זײַן אַזאַ בריה גרונטעווען זיך אין אַזוינע מיני חשבונות, ווי טונעיאַדעווקער ייִדן, בעלי־מוחות...] נישט דאָס בין איך אויסן.[21]

6 די ׳פּרימעטעס׳ [, סימנים] מײַנע, אין מײַן פּאַספּאָרט, זײַנען אַזוי: די וווּקס — אַ מיטעלע; האָר — ברעמען — גרוי; אויגן — קאַרע; די נאָז, דאָס[22] מויל — מיטל־מעסיק; די[23] באָרד — אַ גרויע, דאָס פּנים — אַ ריינס; ׳אָסאָביע פּרימעטי׳ [׳באַזונדערע ׳סימנים׳] — נישטאָ. דאָס הייסט אין גאַנצן פּראָסט גאָרנישט, אַ מענטש ווי געוויינטלעך דאָס רובֿ מענטשן, נישט קיין בהמה[24], חלילה. אײַ איז דאָך די קשיא[25], גלאַט אַ פּאַספּאָרט גאָר אָן סימנים[26] וואָלט דאָך אויך דאָס אייגענע באַוויזן, אַז מען איז אַ מענטש! וואָרעם ווּ האָבן דען בהמות פּאַספּאָרטן? דער תּירוץ איז אָבער, אַז קשיות פֿרעגן איז קיין שׂכל נישט. הערסטו, דער גאַנצער שׂכל איז דאָך טאַקע, אָט נאַט אײַך ׳פּרימעטעס׳ און ווייסט פֿאָרט נישט, וואָס פֿאַר אַ פּנים איך האָב... און באמת טאַקע, לאָמיר זיך נישט נאַרן, וואָס וועט אײַך אַרויסקומען, אַז איר וועט שוין וויסן, אַ שטייגער, אַז מײַן שטערן איז אַ הויכער מיט אַ סך קנייטשן; אַז מײַנע נאָזלעכער זײַנען זייער גרויסע און עפּעס משונה; [אַז מײַן פּנים נאָכן אָנבליק זעט אויס עפּעס ווי

18 מײַן טאַטע מיט דער מאַמען, עליהם השלום.

19 נישט הײַנט געדאַכט.

20 וואָס מען האָט פֿון זיי געלעקט די פֿינגער און ליגן בײַ אַ טייל אַלטע ייִדן נאָך אי הײַנט אין טעם.

21 נישט דאָס אָבער בין איך אויסן.

22 דער מויל.

23 אַ באָרד.

24 נישט קיין קאָטער, קיין בהמה, חלילה.

25 אײַ די קשיא איז.

26 אָן פּרימעטעס.



בייזלעך;] אַז איך קוק [, באַטראַכט,] מאַך איך קורצזיכטיק אַ ביסל צו מײַנע קליינע אויגן[27]; און אַז איך פֿאַרציִ די ליפּן, [דאַכט זיך, עס שוועבט אויף זיי אַ מילד־שטעכנדיק שמייכל; נאַרישקייטן, כ׳לעבן!][28] מײַן ווײַב אַפֿילו האָט פֿאַר דער חתונה אונדזערער זיך ניט אינטערעסירט מיט אַזעלכע קלייניקייטן[29]. [זי האָט מיך גענומען ווי אַ בלינדן אתרוג, נישט אָנקוקנדיק פֿריִער מײַן פּנים, און — נישקשה!]...[30] מילא, ווייסט איר דאָך שוין[31], רבותי, אַז איך בין אַ באַווײַבטער, און פֿון קינדערלעך האָט מען גאָרנישט וואָס צו ריידן. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז איך האָב, אָן עין־הרע, טאַקע פֿיל[32]. [וואָס דען האָט אַ ייִד?... נישט דאָס בין איך אויסן.]

7 האַנדלען האַנדל איך, [, ווי איר קוקט מיר אָן,] מיט ספֿרים[33]. איך האָב איבער־געהאַט אין מײַן לעבן אַ סך מיני פּרנסות[34], מיך געוואָרפֿן, ווי דער שטייגער איז[35], אויף אַלע זײַטן, [ביז איך האָב לסוף אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט — אַ, אַ, אין דר׳ערד אַרײַן די אַלע פּרנסות! און מיך גענומען צו די ספֿרים, און דערבײַ טאַקע בין איך ביז הײַנט געבליבן.][36]

27 מאַך איך דערבײַ צו אַ ביסל די אויגן ווי אַ קורצזיכטיקער.

28 זעט עפּעס אויס ווי איך שמייכל מיט אַ שטעכנדיק געלעכטערל.

29 גלייבט מיר, מײַן ווײַב אַפֿילו פֿאַר אונדזער חתונה האָבן אַזעלכע קלייניקייטן אויך כּלל נישט אינטערעסירט.

30 מען האָט איר געזאָגט: מזל־טובֿ, כּלה, דו האָסט אַ חתן! און גענוג. וועמענס עסק דען איז דאָס יענעמס אַ נאָז, יענעמס אַ פּנים? וואָס מאַכט עס אויס און וועמען גייט עס אָן?

31 מילא, ווייסט איר דאָך, אַגבֿ, שוין, רבותי.

32 קינדער, פֿאַרשטייט זיך דאָך ממילא, אַז איך האָב, און אָן עין־הרע נאָך פֿיל, וואָרעם, ווּ האָט איר אַ באַווײַבטן ייִדן, ער זאָל נישט האָבן לכל־הפּחות אַ האַלבן טוץ קינדערלעך? בפֿרט נאָך אַן אָרעמאַן.

33 האַנדלען האַנדל איך מיט רומל, דאָס הייסט מיט חומשים, מחזורים, סידורים, סליחות, תּחינות וכדומה אַזעלכע מיני ספֿרים. דערבײַ געפֿינט זיך בײַ מיר אַלערליי מעשׂיות — און אַ ביסל פֿון הײַנטיקע מיני ביכלעך.

34 — — אַ סך מיני פּרנסות: באַלד בײַם אַראָפּגיין פֿון קעסט בין איך געוואָרן אַ חלפֿן, דערנאָך אַ בשׂמים־קרעמערל, אַ שענקער, אַ מוכר־תּבֿואניק, אַ מעקלער און אַ מלמד.

35 ווי דער שטייגער איז פֿון ייִדן.

36 און בין געווען, לא־עליכם, אַ גרויסער אבֿיון. ווי זאָגט מען עפּעס, אַ סך מלאָכות און ווייניק ברכות. ביז לסוף האָב איך מיך גענומען צו ספֿרים און בין דערפֿון שוין אַ צײַט מיט יאָרן, ברוך־השם, זייער שיין זיך מפֿרנס.

8 [הייסט דאָך עס, אַ פּנים, קען מען מיינען, אַז ספֿרים איז גאָר דער ווילער מסחר. איך ווער רײַך! און אויף דעם סמך וועלן ייִדן — וואָס לעכצנדיק נעבעך נאָך פּרנסה, טוען זיי נאָך איינער דעם אַנדערן — זיך ווי די הײשעריקן אַ וואָרף טאָן אויף די ספֿרים. שווער איך אײַך, ייִדישע קינדער, אַז איך בין אַ ייִד, אַן אבֿיון! פֿון רומל אַלײַן, דאָס הייסט אין אונדזער מסחר:] חומשים, סידורים, מחזורים, סליחות, קינות, תּחינות, בענטשערלעך וכדומה — [וואָלט מען, ווי מען זאָגט, קיין וואַסער אויף קאַשע נישט געהאַט.] מוז איך מיטפֿירן[37] מיט מיר בערשעטער טלית־קטנס, [דובראָוונער] טליתים, כּפֿול־שמונהדיקע ציציות, רצועות, שופֿרות, הייעלעך, מזוזהלעך, וואָלפֿצײַנדלעך [,מײערקעפּלעך], קינדערשע בליטשקענע שיכלעך, יאַרמלקעלעך און אַ מאָל מעש־ און קופּערוואַרג. ווי אַזוי[38] מעש־ און קופּערוואַרג קומט צו ספֿרים, ווייס איך אַלײַן נישט. נאָר אָט אַזוי איז שוין בײַ אונדז אײַנגעפֿירט[39], פּונקט ווי אַ ייִדישער מחבר מוז אַ מאָל זײַן אויך אַ שטיקל שדכן[40], אַ פּוילישער שמש אין אַ קלײַזל, מוז האַלטן דאָרט[41] אַ קליין שענקל, ווי אַ קהלס־מאַן[42] מוז אַ מאָל אויף אַ שׂימחה בײַ די פֿײַנע־בריות קאָכן פֿיש און זײַן אַ סאַרווער, [ווי אַ רבֿ אין אַ שטעטל מוז ציִען זײַן פּרנסה פֿון הייוון. און נאָך די אַלע זאַכן, שווער איך אײַך, האָב איך ניט מײַנס קיין גראָשן.][43]

9 [אַ נס, וואָס צו אַזאַ מיסחר מיט ספֿרים ווי מײַנער ברויכט מען נישט דינגען אַ מאַגאַזין מיט דער פֿאָרסע. געננוג דערצו אַבי־אָט אַ וועגל, אַבי־אָט אַ פֿערדל. איז דאָס פֿערדל אַלט אָפּגעבאַרעט, הינקט אַ ביסל צו און קוים וואָס עס פּלאָנטעט מיט די פֿיס, מהיכא־תּיתי, איז אויך נישקשה. יאָגן זיך, פֿאָרן פֿאָטשט באַדאַרף מען ניט. אָט פֿאַקט מען אָן דאָס וועגל, איבערגעדעקט כּלומרשט אַ בײַדעלע, און מע שלעפּט זיך



געזונטערהייט. אַ גלעקל זאָל קלינגען איז איבעריק, מען איז יוצא מיט אַ סקריפּ פֿון די רעדער. אײַנשטיין אויף אַכסניות אין באַזונדערע נומערן פֿאַר זיך מיט דער פֿאָמפּע באַדאַרף מען אויך נישט, פֿאַרפֿאָרט גלײַך צום בית־מדרש. דאָס וועגעלע בלײַבט אויפֿן שול־הויף.] דאָס אויסגעשפּאַנטע פֿערדל שטייט זיך, עסט ׳סיטשקע׳, אויב עס האָט נאָר, פֿון אַ לאַנטעך, אויסגעשפּרייט צווישן די אויפֿגעשטעלטע אין דער הויך האַלאָבליעס. אײַ וואָס, ייִנגלעך פֿאַרגנבֿענען זיך און רײַסן אים פֿונעם עק סטרונעס שטילערהייט?[44] [איז אויך נישט קיין אומגליק. לאָז זיך דאַכטן, גאָר אָן אַ ווײדל, מיט דער מאָדע. אײַ וואָס, אַ צער־בעלי־חיים? אדרבה!] מײַן שלימזל שטייט זיך גאַנץ רוּיִק, עס זאָל דאָס אים אָנהויבן צו אַרן. ער לאָזט אַ מאָל דערבײַ אַראָפּהענגען די אונטערשטע ליפּ, [אַרויסשטעקנדיק אַ שפּיץ צינגל,] און עס דאַכט זיך גאָר, ער לאַכט מיט די ציין[45], גאָר ווי להבֿדיל אַ מענטש. מאַכט זיך אַ מאָל[46], ער האָט נישט וואָס צו עסן, שטייט ער זיך פֿאַרטראַכט מיט אויפֿגעשטעלטע אויערן, קוקנדיק אין בײַדל[47] אויף די ספֿרים עפּעס אַזוי, אַז מען וואָלט געמעגט שווערן, ער פֿאַרשטייט דערינען זייער גוט מיט זײַן פֿערדישן מוח און נעמט עס אויף זײַנע כּלים עפּעס גאָר ווי אַ טרייפֿענער למדן[48] טאַקע... נישט דאָס בין איך אויסן.

10 [מילא איז פֿאַרזאָרגט, ברוך־השם, אויפֿן שול־הויף דאָס פֿערדל, און אַלײַן נעמט מען זיך אַ פּלאַץ אין בית־מדרש. בײַ טאָג צעלייגט מען זיך דאָרט פֿאַרן עולם מיט ספֿרים אויפֿן לאַנגן, פֿאַרשמאָלצעוועטן טיש, וואָס בײַם אַרײַנגאַנג לעבן אויוון, און בײַ נאַכט צעלייגט מען זיך אַליין אויף אַ באַנק דאָרט, ווי בײַם טאַטן אין ווײַנהויז, און מע שלאָפֿט אויף וואָס די וועלט שטייט. און דאָס דאָזיקע גאַנצע שטיקל עולם־הזה, אַרום און אַרום, האָט איר עס אומזיסט בכּבֿוד־גדול!...

11 אם כּן, אויב יאָ אַזוי, אויב שלעפּעניש, אַרומוואָגלעניש און קבצניש, איז דאָך די קשיא, ווערלכעס זשע גוט יאָר האָט מיך געטראָגן צו ספֿרים? און וואָס האַלט איך מיר

37 חוץ רומל פֿיר איך נאָך מיט מיר בערשעטער טליתים.

38 ווי אַרום.

39 אַזוי איז שוין בײַ אונדז אײַנגעפֿירט מכּמה וכּמה שנים.

40 מוז אַ מאָל אויך זײַן אי אַ שדכן.

41 מוז דערבײַ דאָרט האַלטן אַ קליין שענקל.

42 ווי אַ סבאָרשטשיק.

43 ווי עפּעס אַ כּלי־קודש מוז דאָס רובֿ זיך אָפּגעבן מיט פּליאָטקעס, פֿאַרקאָכן אַ מאָל אַ קאַשע, און ווי אַ ליאַדע גבֿירל מוז האָבן חלק אין דער טאַקסע... נישט דאָס בין איך אויסן. יאָרנלאַנג בין איך אונטער־וועגנס. איך פֿאָר אַרום אין גאַנץ פּוילן און בין דאָרט פֿול אין אַלע שטעט און שטעטלעך. מען קען מיך, ברוך־השם, אומעטום ווי אַ בייזן שילינגער. איר וועט מיך דאָרט טרעפֿן שטייענדיק מיט מײַן בײַדל דאָס רובֿ לעבן בית־מדרש.

44 מײַן פֿערדל שטייט אויסגעדרייט מיט דעם פּנים צום וואָגן און עסט, אויב ער האָט נאָר, סיטשקע פֿון אַן אויסגעשפּרייטן לאַנטעך, וואָס איז צוגעבונדן פֿון איין זייט צו די קאָזלעס און פֿון דער אַנדערער זײַט צו ביידע אין דער הויך אויפֿגעשטעלטע האַלאָבליעס. ייִדישע קינדער פֿאַרגנבֿענען זיך שטילערהייט און רײַסן געשמאַק סטרונעס פֿון זײַן עק, נעבעך, און ער, שלימזל, שטייט זיך גאַנץ רוּיִק — —.

45 און עס דאַכט זיך גאָר דענסטמאָל, ער לאַכט עפּעס מיט די ציין.

46 אַז מאַכט זיך אַ מאָל.

47 און קוקט אין בײדל אויף די ספֿרים.

48 און נעמט עס אויף זײַנע כּלים אפֿשר נאָך פֿיל בעסער ווי אַן אַנדער בעלפֿער, מחילה.

# דאָס קלײנע מענטשעלע

אדער

# אַ לעבענסבעשרייבונג

פון

יצחק אברהם תקיף.

(נאר אין גאנצען אויף דאס נייא איבערגעזעצט).

געדרוקט בהשתדלות

## מענדעלי מוכר ספרים

# ווילנא

כדפוס והוצאות האלמנה והאחים ראָם

שנה תרל״ט לפ״ק

ДОСЪ КЛЕЙНЕ МЕНШЕЛЕ

т. е.

Маленькій человѣчекъ

Сочиненіе Ш. Я Абрамовича.

ВИЛЬНА,

Типографія Вдовы и бр. Роммъ.

Жмудскій переулокъ дома №№ 327 и 328.

1879.

שער־בלאַט פֿון דער אויסגאַבע אין יאָר 1879



עד־היום אין אַזאַ מין סחורה? ס׳איז מיר אַפּילו שווערלעך דערויף צו ענטפֿערן, נאָר אֵין־ברירה...

12 רבותי, איך בין זיך מודה! אַ מין חולשה אַזוינע האָב איך פֿון קליינווײַז אויף, **נישט פֿאַר ייִדן געדאַכט**, וואָס אויף זייער לשון הייסט עס: ׳ליבשאַפֿט צו דער נאַטור׳, דאָס הייסט צו אַלצדינג, וואָס וואַקסט, וואָס שפּראָצט, וואָס לעבט, וואָס געפֿינט זיך אין דער וועלט. עס ציט מיך, ציט, **ניט פֿאַר אײַך געזאָגט געוואָרן**. עס קריכט מיר אַ מאָל אין קאָפּ אַ צאַצקעלע, אַ שיין פּנימל, אַ בילד, אַ געשטאַלט — אַ גרעזעלע, אַ ביימעלע, אַ רייזעלע, אַ פֿייגעלע. סטײַטש, סטײַטש, וועט מען זאָגן, ווי שעמט זיך עס נישט אַ ייִד מיט אַ באָרד, אַ ייִד אַ נצרך, אַ באַווײַבטער, אַ טאַטע פֿון קינדער, וואָס באַדאַרף בדרך־הטבֿע זיך זאָרגן... טראַכטן, קלערן תּכלית־זאַכן, און גאָר אַ חוץ דעם, ווי שעמט זיך נישט גלאַט סתּם אַ ייִד אין זינען האָבן נאַרישקייטן, נאַטור־שמור, קונדייסקע זאַכן? אוי, איך ווייס, ווייס זייער גוט, **אַז אַזוינס פּאַסט נישט פֿאַר אַ ייִדן**, נאָר וואָס זאָל איך פֿאַרט טאָן, אַז דאָס איז בײַ מיר, **לאַ־עליכם**, אַזאַ געבוירענער מיחוש, אַ יצר־הרע, וואָס ציט מיך דערצו ווי אַ מאַגנעט. און נאָך ווען? עפּעס ווי אויף צו להכעיס דווקא אין דער מיט באַשעפֿטיקונג מיט עפּעס ערנצטס, וויכטיקס, ווי מיט ייִדישקייט, אַ שטייגער, און מיט פּרנסה־זאַכן. אין דער מיט ׳קידוש־לבֿנה׳ — שטעלט אײַך פֿאָר בשעת אין רעכטן זאָגעניש, שאָקלעניש צווישן דעם עולם, טוט עס מיך אַ צי אַרויף צום שיינעם, אויסגעשטערנטן בלויען הימל מיט דער פֿאַרטראַכטער, מרה־שחורהדיקע לבֿנה, מלא־חן, עס טראַכט זיך, גאָט ווייס וואָס, עפּעס ליכטיקע צורות, שיינע, ברענענדיקע , פֿאַרטראַכטנדיקע אויגן, אַ זיפֿצעניש, געדיכטע צווײַגנהאָפֿטיקע לינדן־ביימער. און פֿרעגט מיך בחרם, וואָס דאָס מויל מײַנס בעבעט דאָרט אַזוינס. יענער צו מיר: שלום־עליכם! און איך צו אים: לכה דודי לקראת כּלה!... דאָס גלײַכן איז מיט דעם אתרוג, מיט דעם לולבֿ, מיט די הושענות. איך פֿאַרגעס די מיצווה, דעם ׳לשם ייחוד׳, וואָס דרינען; קודשא בריך הוא מיט דער שכינה אין דער זײַט, מיר טוט הנאה ווי שיין, ווי פֿריש, ווי זיי שמעקן אַ מחיה. דער עניין צום תּשליך גיין, אַזאַ ייִדישע ערנצטע זאַך, אָפּשאָקלען זיך פֿון די עבֿירות, ווערט בײַ מיר גאָר אַ שיינער שפּאַציר. בײַם זאָגעניש דאָרט פֿאַרקוקן מיר זיך די אויגן אויפֿן טײַך, אויפֿן גרינעם געמייזעכץ, וואָס ציט זיך אים אויף יענער זײַט העט־העט ווײַט. און זע פֿאַר מיר אַ לויפֿנדיק, מורמעלדיק וואַסערל, שטאָלץ־שווימענדיקע גענדז, עס ווייעט אַ ווינטל, עס שושקען זיך הויך־געוואַקסענע ׳טשערעט׳, עס שווענקט זיך, עס שפּיגלט זיך אַ הושענא־ביימל, אָנבויגנדיק זיך מיט די צווײַגלעך אין וואַסער. לויטער איז דער הימל, די לופֿט פֿריש, אַ געטלעכע שטילקייט אין טאָלן, בערגלעך און וועלדלעך אַרום און אַרום. עס ציט עפּעס בײַ דער נשמה, עס בענקט זיך, גלוסט זיך — אוי, רבונו־של־

עולם! — אַליין נישט צו וויסן וואָס... שפּאַצירן גייט איז מײַן לעבן. אויפֿן פֿעלד, אין וואַלד בין איך גאָר ניט דער, וואָס אין שטאָט, כ׳בין פֿרײַ, אויסגעטאָן פֿון יאָך. וואָס מיר ווײַב, וואָס מיר קינד, וואָס מיר ייִד, וואָס מיר זאָרג? איך שעפּ נחת, גיי אויס פֿאַר תּענוג פֿונעם אייבערשטנס ווערק, גיב מיך איבער מיט אַלע חושים און ווער ווי דערטרונקען אין גאָטס וועלט דער שיינער!...

13 אָט דער יצר־הרע, **נישט פֿאַר אײַך געדאַכט, ייִדישע קינדער**, ער האָט עס אין מיר געבורטשעט: מענדל! דער האַנדל מיט ספֿרים איז פֿאַר דיר ווי אָנגעמאָסטן. פֿאַרזעץ באַדײַ אַ משכּון, דעם ווײַבס ביסל צירונג, קויף אַ פֿערד־און־וועגעלע, פּאַק עס מיט ספֿרים און לאָז זיך אין דער וועלט. יאָ פֿאַרדינען, נישט פֿאַרדינען — אַלץ איינס, דער עיקר איז דאָס אַרומפֿאָרן, דאָס פֿאַרגעניגן וואָס דו וועסט האָבן פֿונעם אָנזען זיך, אָנהערן־זיך אונטערוועגס שיינע זאַכן. פֿאָרנדיק אין וועג וועסטו זיך ליגן צעלייגט ווי אַ מלך בײַ דיר אויפֿן וואָגן און צוקוקן זיך איטלעכס פּיצל פֿון גאָטס קונציק שיינע ווערק און זײַנע באַשעפֿענישן. אויף בערג און טאָלן, אויף פֿעלדער און וועלדער. דאָס פֿערדעלע וועט זיך שלעפּן פּאַמעלעכן־פּאַמעלעכן און דו וועסט זיך קוקן־קוקן. אַזוי — אין וועג, און קומענדיק אין שטעטלעך, אין שטעט, וועסטו אָנקוקן מיני ייִדן, שיינע צורות, פֿײַנע־בריות, מאָדנע פּאַרשוינען, אַלערליי נפֿשות, געקרימטע רוקנס, פֿאַרריסענע נעזער, לאַנג־הענטיקע; קלעפּיק־פֿינגערדיקע, אַזוינע און אַזוינע פֿונעם אַלטן און נײַעם שניט. וועסט האָבן פֿון זיי צו דערציילן מעשׂיות; צו זינגען און צו זאָגן.

14 הײַנט פֿאַרשטייט איר שוין, ייִדישע קינדער?

15 אַצינדַ, **נאָך** אַ היפּשע צײַט אַרומפֿאָרן אין דער וועלט, בורטשעט אין מיר ווײַטער דער **יצר־הרע.** נעם — בורטשעט ער — נעם דרוק אָפּ מעשׂיות וואָס דו האָסט צו דערציילן פֿון ייִדן פֿאַר דער גאַנצער צײַט אַרומשלאָנדרעווען דײַנס צווישן זיי! נישקשה, זיי מעגן הערן, **דאָס וועט זיי חלילה ניט שאַטן!**

[טאַ! — האָב איך מיך באַטראַכט — מהיכא־תּיתי, לאָז זײַן אַזוי.]

16 טאַ! — האָב איך מיך באַטראַכט — מהיכא־תּיתי, לאָז זײַן אַזוי.]

17 דאַכט זיך, אַלצדינג אָפּגעזאָגט און יוצא[49]. איבעריקנס, בין איך דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. אפֿשר האָב איך עפּעס פֿאַרגעסן. וועל איך, דערמאָנענדיק זיך, עס אַרויס־

49 דאַכט זיך, איך האָב שוין מײַנס יוצא געווען, אַלצדינג אײַך אָפּגעזאָגט, און מעג שוין אָנהייבן מײַן סיפּור־המעשׂה.



זאָגן, בלי־נדר, אין איינעם פֿון מײַנע שפּעטערדיקע ביכלעך[50]. און ווײַטער, אויב עמעצער וועט קיין צײַט נישט האָבן באַלד טאַקע וועלן וויסן ׳כּל־דבֿר־שורש׳[51], מעג ער זיך מטריח זײַן מיר שרײַבן, וועט ער אין גיכן פֿון מיר באַקומען אַ קלאָרע תּשובֿה[52].

18 מײַ אַדרעס איז: מענדעליו יודעלעוויטשו מוכערו ספֿאָרעמו אווו גאָראָדי צבֿיעטשיצו. דעם טיטל ׳גאָספּאָדינו יעוורעיו׳ באַדאַרף מען נישט שרײַבן. [נישקשה,] מען וועט אַזוי אויך וויסן[53].

50 מעגט איר מיר זיכער גלייבן, אויף מײַן וואָרט, אַז ווי באַלד איך וועל מיך נאָך דערמאָנען, וועל איך עס גאַנץ געוויס צושטעלן אין איינע פֿון מײַנע מעשׂיות, וואָס איך האָב בדעה מיט גאָטס כּוח איינע נאָך דער אַנדערער אָפּצודרוקן.

51 כּל־שורש־דבֿר, איטלעכס פּיצעלע.

52 מעג ער זיך מטריח זײַן צו מיר צו שרײַבן און וועט באַקומען פֿון מיר אין גיכן אַ קלאָרע תּשובֿה.

53 שאַט, שאַט, רבותים! עיקר שכחתּי. גוט, כ׳לעבן, וואָס איך האָב מיך בײַ צײַטנס אַרומגעקוקט. דער מנהג פֿון אונדזערע ייִדישע מחברים איז, ווי איטלעכן איז באַקאַנט, אַרײַנצושטעלן זייערע ווײַבער, די צנועות, אין זייערע ספֿרים בפּירוש מיט די נעמען, אָדער מיט אַ המצאהלע דורך ראָשי־תּיבֿות און אָפּצולויבן אין טאָג אַרײַן זייער גוטסקייט און פֿרומקייט. בכן, וועט איר דאָך אַוודאי וועלן וויסן לכל־הפּחות ווי מײַן ווײַב הייסט, און וועט טאַקע זײַן זייער גערעכט.

שאַט, זי הייסט יענטע!